**ליינען דעם בריוו און זאל עס אויך לערנען מיט אנדערע מענטשן, ביז זיי וועלן קענען זאגן דעם בריוו אויסווייניג. דעריבער האבן מיר איבערגעזעצט דעם בריוו אויף אידיש, אז יעדער איינער זאל עס קענען פארשטיין און מְקַיֵים זיין די וויכטיגע אָנווייזונגען פון הייליגן רמב"ן, זצוק"ל.**

**שמע בני,** הער מיין זון דעם מוסר (שטראָפרייד) פון דיין פאטער און זאלסט נישט פארלאזן די תורה, דאס לערנען פון דיין מוטער. דיין שטענדיגע פירונג זאל זיין, דו זאלסט רעדן אלע דיינע רייד געלאַסן, מיט דרך ארץ צו יעדן מענטש און צו יעדער צייט, און דורך דעם וועסטו געראטעוועט ווערן פון כַּעַס, ווייל אויפרעגונג איז אַ שלעכטע אייגענשאַפט, וואס ברענגט דעם מענטשן צו זינדיגן. אונזערע חכמים האבן אויך אזוי געזאגט: "דער מענטש וואס איז א כַּעֲסָן, א געראגטער, איז ער באַהערשט פון אלערליי שלעכטס, ווי אין גֵיהנם". ווי עס שטייט אין פסוק "דו זאלסט אוועקנעמען כעס פון דיין הארצן, וועט דיין קערפער אפגעהיט ווערן פון שלעכטס". און שלעכטס מיינט מען דער גיהנם, ווי עס שטייט אין פסוק: "דער רשע וועט באקומען זיין שטראף אין שלעכטן טאָג" (אין גיהנם).

**אז** דו וועסט דיך אפהיטן פון כעס, דעמאלס וועט אריינקומען אין דיין הארצן די מדה פון עֲנָוָה, באַשיידנהייט, וואס איז די בעסטע מִדָּה פון פון אלע מדות טובות, ווי עס שטייט אין פסוק "עקב ענוה יראת ה'", נאך ענוה קומט די מורא פון אייבערשטן. ווען דו וועסט זיין ביי זיך נידעריג, באַשיידן, וועסטו דיר אריין נעמען אין הארצן די מדה פון מורא האבן פאר השם. ווייל דו וועסט שטענדיג טראכטן אין הארצן פון וואנען דו ביסט געקומען אויף דער וועלט, און וואוהין דו וועסט גיין ווען דו וועסט אוועק גיין פון דער וועלט. ווען דו לעבסט נאך אויף דער וועלט ביסטו נישט מער גערעכנט נאר ווי א וואָרעם, און נאך דיין שטארבן אַוודאי, און דו וועסט טראכטן פאר וועמען דו וועסט דארפן געבן דין וְחֶשְׁבּוֹן, פאר הקדוש ברוך הוא, וואס ער איז דער מלך פון כבוד. ווי עס שטייט אין פסוק, שלמה המלך האט געזאגט, "אלע הימלען קענען נישט פארנעמען דיין כבוד, די הערצער פון די מענטשן קענען געוויס נישט פארנעמען דיין כבוד". נאך זאגט דער פסוק: "השם זאגט, איך בין איבעראל אויף דעם הימל און אויף דער ערד". אז דו וועסט באטראכטן די אלע זאכן, וועסטו מורא האבן פון דיין באשעפער און דו וועסט דיך היטן פון צו זינדיגן. אז דו וועסט האבן אין זיך די גוטע מִדות, וועסטו זיין פרייליך מיט דיין חֵלֶק און צופרידן מיט וויפיל השם האט דיר געגעבן.

**אז** דו וועסט דיך פירן מיט באַשיידנהייט, דו זאלסט דיך שעמען פאר אלע מענשטן (ווייל דו וועסט האלטן אז אלע מענשטן זענען בעסער פון דיר) און דו וועסט

ים של שמואל: קרמר, יעקב משה<<תלמוד בבלי ;תנ"ך ;>> (1){1} עמוד מס 290הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה

מוֹרָא האבן פאר השם, נישט צו זינדיגן, דעמאָלס וועט אויף דיר ריען די שכינה, און די שיינקייט פון זיין הייליגקייט, און וועסט פארדינען דאס אייביגע לעבן, צו עולם הבא.

**איצט** מיין זון פארשטיי און זעה, אז דער מענטש וועלכער שטאלצירט אין הארצן, און טראכט אז ער איז גרעסער פון אנדערע מענטשן, זינדיגט ער געגן די מלוכה פון השם, ווייל ער בארימט זיך מיט דער קלייד וואס באַלאַנגט צו השם. ווי עס שטייט אין פסוק "השם קעניגט אויף דער וועלט, ער האט זיך געקליידעט מיט שטאָלצקייט". מיט וואס זאל זיך דאס הארץ פון מענטשן שטאלצירן און גרויס האלטן? אויב מיט זיין רייכקייט, השם מאכט אָרעם און רייך. אויב מיט דעם כבוד וואס מענשטן גיבן אים, כבוד געהערט צו ה׳ ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט צו ה׳ "רייכקייט און כבוד איז פאר דיר". ווי אזוי קען א מענטש זיך גרויס האלטן און בארימען מיט דעם כבוד וואס עס געהערט צו ה׳? און אויב ער וועט זיך בארימען מיט זיין חכמה, "ה׳ קען צונעמען די שפראכע פון מענטשן וואס רעדן, און ער קען אוועקנעמען די עֵצוֹת פון די אלטע, קלוגע לייט". זעען מיר אז אלע מענטשן זענען ביי ה׳ גלייך. מיט זיין צאָרן ערנידערט ער די מענטשן וואס האַלטן זיך גרויס און מיט זיין ווילן הייבט ער אויף די מענטשן וואס זענען ביי זיך נידעריג. דעריבער זאלסט דו דיך אלעמאָל דערנידערן, וועט ה׳ דיך אויפהויבן. דעריבער וועל איך דיר זאגן ווי אזוי דיין פירנוג זאל זיין מיט דיין באַשיידנקייט, צו גען שטענדיג אויף דעם וועג. דיינע אלע רייד וואס דו וועסט רעדן מיט מענטשן זאל זיין געלאַסן און מיט רעספעקט. דיין קאפ זאלסטו האַלטן אראפגעבויגן, דיינע אויגן זאלן קוקן אונטן צו די ערד, און דיין הארץ זאל טראכטן העכער, איבער ה׳, און ווען דו וועסט רעדן צו אַ מענטש זאלסטו נישט קוקן אין זיין פָּנִים (צו ערנידערן אים) און זאלסט טראכטן אז יעדער מענטש איז גרעסער פון דיר. אויב דו האסט דיך באגעגנט מיט א מענטש וואס איז קלוגער אדער רייכער פון דיר דארפסטו אים געבן כבוד. אויב דער מענטש איז אָרעם און דו ביזט רייך, אדער דו ביסט קלוגער פון אים, זאלסטו טראכטן אין הארצן אז דו ביסט מער שולדיג צו ה׳ ווי ער און ער איז מער צדיק פון דיר, ווייל ווען ער האט געזינדיגט האט ער עס אפשר געטאן אומוויסענדיג, און דו האסט געזינדיגט מוטווילינ, בְּמֵזִיד. ביי דיינע אלע רייד וואס דו וועסט רעדן, און ביי אלץ וואס דו וועסט טאן און ביי אלץ וואס דו וועסט טראכטן, און צו יעדער צייט, זאלסט דענקען גלייך ווי דו וואלסט געשטאנען פאר הקדוש ברוך הוא און זיין שכינה איז אויף דיר, ווייל מיט כָּבוֹד פון ה׳ איז פול די גאנצע וועלט. דיינע רייד זאלן זיין מיט פארכט, מיט דרך ארץ, אזוי ווי א קנעכט פאר זיין הער. דו זאלסט זיין באַשיידן פאר אלע מענטשן און אויב א מענטש וועסט דיך רופן זאסלטו אים נישט ענטפערן מיט א שרייענדיגע

אוצר החכמה
אוחיות 1234567

שטימע, נאר רוהיג, פאמעלאך, אזוי ווי איינער שטייט פאר זיין רבי'ן. דו זאלסט זיין געהיט צו לערנען שטענדיג אזעלכע תורה וואס דו קענסט מְקַיֵּים זיין (שלחן ערוך), און אז דו וועסט לערנען אנדערע ספרים און דו וועסט אויפשטיין פון ספר אוועקצוגיין, זאסלטו זוכן אין די זאכן וואס דו האסט געלערנט, טאמער איז דא אַ הֲלָכָה, אַ דִין, וואס דו קענסט אויספירן, און דו זאלסט איבערטראכטן דיינע האַנדלונגען וואס דו האסט געטאן, יעדן פרי־מאָרגן און יעדן אָוונט, און טאָמער איז דאָ א זאך וואס איז נישט געווען ריכטיג, זאלסטו באלד תְּשוּבָה טאן, חֲרָטָה האבן, און וועסטו אויף זיך קיין זינד נישט האבן. ווען דו שטעלסט זיך דאַווענען, זאלסטו אָפּטאָן פון זיך אלע וועלטליכע זאכן, און זאלסט אנגרייטן די טראכטונג פון דיין הארץ צו הקדוש ברוך הוא, ריין מאכן דיינע געדאנקען, און איבערטראכטן יעדעס ווארט איידער דו וועסט עס ארויסרעדן פון דיין מויל. אזוי זאלסטו טאן די אלע טעג פון דיין לעבן ביי יעדע זאך, (זאלסט פריער טראכטן אויב מען מעג טאן די זאך אדער ניין) און דו וועסט נישט זינדיגן. אז דו וועסט אזוי טון וועלן דיינע רייד, דיינע האנדלונגען, און דיינע געדאנקען זיין גלייך און ריכטיג. און דיין דאווענען וועט זיין ריין און קלאר, מיט גוטע כַּוָּונוֹת, און זי וועט זיין אָנגענומען פאר'ן אייבערשטן, ווי עס שטייט אין פסוק אין תהלים, "דו זאלסט אנגרייטן זייער האַרץ צו דיר, און זאלסט פאַרנעמען מיט דיינע אויערן זייער תפלה".

**דעם** בריוו זאלסטו לייענען איין מאָל אין וואָך, און זאלסט נישט מינערין (פארפעלן) פון צו מְקַיים זיין וואס אין דעם בריוו שטייט, און זאלסט אייביג גיין דיינע וועגן לויט דעם געבאָט פון ה', וועסטו באַגליקט ווערן אין אלע דיינע וועגן, און וועסט פאַרדינען צו האבן עולם הבא וואס איז באהאלטן פאר די צדיקים. און יעדן טאג וואס דו וועסט לייענען דעם בריוו, וועט מען דיר ענטפערן פון הימל אַלץ וואס דיין הארץ וועט נאר פאַרלאַנגען, ביז אייביג, אָמֵן סֶלָה.

ים של שמואל : קרמר, יעקב משה<<תלמוד בבלי ;תנ"ך ;>> (1){1} עמוד מס 292הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה